ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ליל שמחת תורה קודם הקפות ה׳תשנ״ב**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
ה׳ תהא שנת פלאות אראנו
שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**
**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**
**מהרה יגלה אכי״ר**

יה״ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

# בס״ד. משיחות ליל שמחת תורה קודם הקפות ה׳תשנ״ב

א. שמחת תורה האָט אַ שייכות מיוחדת מיט דער גאולה האמיתית והשלימה[1] ע״י משיח צדקנו[2] — ווי מ׳זאָגט עס אין דעם פיוט („שישו ושמחו בשמחת תורה״) בשמחת תורה נאָך קריאת התורה: „אגיל ואשמח בשמחת תורה בא יבוא צמח[3] בשמחת תורה״[4].

דאָס איז אויך מרומז אין די פסוקים וואָס מ׳זאָגט פאַר הקפות („שמביאים טעמים על השמחה״[5]) — פון „אתה הראת״ ביז „כי מציון״: דער סיום — דער לעצטער — פון די אַלע י״ז (י״ז בגימטריא טוב, „אין טוב אלא תורה״[6]) פסוקים איז „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״[7], וואָס דאָס איז אַ נבואה וועגן ימות המשיח[8].

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער תוכן פון אַלע י״ז פסוקים[9], אַז זיי זיינען אַלע תלוי אין דעם סיום — „כי מציון גו״״: „כי״ איז (אויך) משמש בלשון „אם״[10], „כאשר״[11]. ועפ״ז יש לפרש דעם „כי מציון גו״״ שבסיום כל הפסוקים[12] — אַז די אַלע ענינים וואָס שטייען אין די פריערדיקע (ט״ז) פסוקים וועלן נתקיים ווערן (בשלימותם ובמילואם) „כי — כאשר — מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״, וואָס דאָס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה.

אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן פסוק[13] „אתה הראת לדעת כי הוי׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״: די שלימות פון „אתה הראת לדעת גו״״ וואָס איז געווען באַ

1) ולהעיר ממאחז״ל (תענית ח, ב) „גדול יום הגשמים כיום קיבוץ גליות״ (נת׳ בד״ה גדול יום הגשמים דשמח״ת תער״ג (סה״מ תער״ב־ע״ו ע׳ קצח ואילך)), והרי שמח״ת הוא יו״ט שני של שמע״צ (יום התחלת הזכרת הגשמים), ועד שבארץ ישראל שמח״ת הוא ביום שמע״צ.

וכמרומז גם בשמו „שמיני (עצרת)״ — ששמיני מורה על ענין הגאולה, כמאחז״ל (ערכין יג, ב) דכינור „של ימות המשיח שמונה״. וראה כלי יקר ר״פ שמיני. לקו״ש חי״ז ע׳ 93 ואילך. ובכ״מ.

2) ראה שיחת שמח״ת תרנ״ב (ספר השיחות תורת שלום ע׳ 2) — מלפני מאה שנה: „בש״ת הוא התגלות יחידה שבנפש, מעין לעתיד לבוא שלא ילמדו איש את רעהו״. וראה לקמן סוף סעיף ג.

3) שמו של משיח (ירושלמי ברכות פ״ב ה״ד. וראה זכרי׳ ג, ח. ו, יב („איש צמח שמו״. וכפי שאומרים גם בנוסח הושענות דהושע״ר)).

4) „משיח יבוא בזכות השמחה בתורה״ (סידור יעב״ץ).

5) סה״מ תש״ד ע׳ 54.

6) אבות פ״ו מ״ג, הובא בסה״מ שם.

7) ישעי׳ ב, ג.

8) כמ״ש בהתחלת הענין „והי׳ באחרית הימים נכון יהי׳ הר בית ה׳ בראש ההרים גו׳ ונהרו אליו כל הגוים גו׳ והלכו עמים רבים גו׳ כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

9) נוסף לזה שתוכן הפשוט של כמה פסוקים קשור עם ענין הגאולה.

10) ר״ה ג, א. הובא בפרש״י עה״ת לך יח, טו.

11) ראה פרש״י ר״ה שם: שמצינו בכמה מקומות אם משמש לשון כאשר.

12) בישעי׳ שם „כי״ משמש בלשון „דהא״, בתור נתינת טעם למ״ש לפנ״ז „והלכו עמים רבים גו״״. אבל בנדו״ד שהפסוק „כי מציון גו״״ בא בהמשך לט״ז הפסוקים שלפניו — יל״פ (ע״ד הרמז עכ״פ) גם ש„כי״ הוא מלשון „כאשר״, והיינו בתור תנאי למ״ש בכל הפסוקים שלפנ״ז.

13) ואתחנן ד, לה.





בהקדם הכי אפשרי ביז תיכף ומיד ממש — איז מתאים, אַז די אַלע תינוקות של בית רבן וואָס געפינען זיך דאָ איצטער זאָלן זאָגן (יעדערער פון זיי און אַלע צוזאַמען) „לחיים״.

און אויך די מחנכים, מלמדים און מנהלים פון די „צבאות השם״ זאָלן זיך משתתף זיין אין דעם דורך זינגען (צוזאַמען מיט די קינדער) דעם ניגון פאַרבונדן מיט „צבאות השם״ [כמנהג העולם אַז אַ צבא האָט אַ „מאַרש״, אַ ניגון משלהם; און עס דאַרף דאָך זיין „אזלת לקרתא הלך בנימוסי״[44]]. און זיכער וועט דער גאַנצער „עולם״ מסייע זיין אין דעם, און עס באַטראַכטן פאַר זייערער אַ זכות, וויבאַלד אַז דורך די קינדער ווערט נמשך אויך צו זיי דער טיטול מיט וועלכע די קינדער ווערן אָנגערופן — „משיחי״[45].

און דערפון נעמט מען דערנאָך דעם כח אויף דער עבודה במשך כל השנה (כנ״ל אַז פון שמח״ת ווערט נמשך אויף כל השנה) — ובמיוחד באַ מחנכים ומנהלים בכלל, ובפרט באַ די שלוחים פון נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר — וואָס זייער עבודה ושליחות מיוחדת באַשטייט פון הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, און — במיוחד — די עבודה ושליחות צו ברענגען משיח צדקנו בפועל ממש[46], כולל — דורך לייגן אַ ספּעציעלע הדגשה אויף דעם ענין החינוך פון אידישע קינדער וועלכע ווערן אָנגערופן „משיחי״.

ויהי רצון, אַז יעדער איד און אַלע אידן, כולל — אידישע קינדער, זאָלן פראַוועןדי הקפות פון שמח״ת צוזאַמען מיט דעם אויבערשטן אַליין — כמאמר חז״ל[47] „עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים . . וכל אחד ואחד מראה באצבעו כו׳ ואמר[48] ביום ההוא הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו זה ה׳ קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו״. ותיכף ומיד ממש.

44) שמו״ר פמ״ז, ה. ועד״ז בב״ר פמ״ח, יד. וראה גם ב״מ פו, ב.

45) וכידוע שבכאו״א מישראל ישנו ניצוץ משיח (מאור עינים ס״פ פינחס).

46) ולהעיר ש„שליח״ בצירוף עשר (כחות) הוא בגימטריא „משיח״ — ראה בארוכה משיחות ליל שמח״ת תשמ״ו (לקו״ש חכ״ט ע׳ 358 ואילך).

47) תענית סופה.

48) ישעי׳ כה, ט. אחד מי״ז הפסוקים שאומרים קודם הקפות (וראה לעיל ס״א).

ואדרבה: וויבאַלד אַז דער עיקר השמחה פון שמחת תורה איז ניט דורך לימוד התורה, נאָר דוקא דורך טאַנצן מיט דער תורה – טאַנצן מיט די ספרי תורה ווי זי איז איינגעהילט אין אַ מפה און באַקרוינט מיט אַ כתר תורה, וואָס דעמאָלט איז גאָר ניט שייך לערנען אין איר – איז פאַרשטאַנדיק, אַז דעמאָלט איז בעיקר מודגש די שייכות פון תורה צו אַלע אידן – מהגדולים ועד הקטנים והכי קטנים – בשוה ממש.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דער שייכות און גילוי ה־מיוחד פון משיח'ן בשמחת תורה – וואָס אויף ימות המשיח שטייט אַז „לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם"[39]; און דעריבער איז אויך די הנהגה בשמחת תורה מעין ובדוגמת זה[2].

ד. דער ענין איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין די תינוקות של בית רבן פון אונזער דור – וועלכע ווערן אָנגערופן (בהסכמת גדולי ישראל) מיטן נאָמען „צבאות השם":

דער נאָמען „צבאות השם" באַדייט – אַז די קינדער זיינען אינגאַנצן איבערגעגעבן און בטל צו דעם אויבערשטן, בדוגמא (און נאָך מער) ווי „סאָלדאַטן" צו זייער „גענעראַל". און ביז בלשון הכתוב ביצי"מ[40] – „הוציא ה' את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם", נאָך העכער ווי די מדידות והגבלות פון אַ „צבא"[41].

דערפון איז מובן, אַז אין די אידישע קינדער – אינגעלעך און מיידעלעך – פון אונזער דור, איז נאָך מער ניכר בגלוי ווי זיי זיינען „משיחי", „משיח'י" פון דעם אויבערשטן אַליין. וועלכע ווערט די הכנה והקדמה קרובה אויף דער התגלות פון דעם משיח הכללי פון אַלע אידן, בגאולה האמיתית והשלימה.

ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[42]: כשם ווי דעמאָלט „יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים"[43], אַזוי וועלן די „צבאות השם" פון אונזער דור אַרויסגיין פון דעם איצטיקן גלות ל־גאולה האמיתית והשלימה ותיכף ומיד ממש.

וכולל ובמיוחד די אידישע קינדער וועלכע געפינען זיך דאָ איצטער, וועלכע זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן – בשנה שעברה און אַזוי וועט עס זיכער נמשך ווערן – אין אַן אופן אַז בשעת מען גיט אַ קוק אויף זיי זעט מען „משיח". ובפרט בשעת די קינדער טאַנצן אין די הקפות פון שמיני עצרת ושמחת תורה.

ה. דעריבער – און בכדי צואיילן נאָך שנעלער די גאולה, זי זאָל קומען

39) ירמי' לא, לג.

40) בא יב, נא.

41) כולל גם לא ההגבלות של צבא ישראל – דוקא מבן עשרים שנה ומעלה, שהרי ב„צבאות השם" נכללים כל ילדי ישראל, גם התינוקות שזה־עתה יצאו לאויר העולם* (ע"י ה„שיר המעלות" וכיו"ב שמסביבם). ויתירה מזו י"ל – אפילו עובר במעי אמו (ש„מלמדין אותו כל התורה כולה" – נדה ל, ב), ע"ד ובדוגמת ב„צבאות השם" שיצאו מארץ מצרים – ש„אפילו עוברין שבמעי אמן אמרו שירה" (סוטה ל, ב).

42) מיכה ז, טו.

43) בא יב, מא.

*) וע"ד שבט לוי שנמנה „מבן חודש ומעלה" ועד „מן הבטן" (במדבר ג, טו ובפרש"י שם. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 251 ואילך. ע' 256 ואילך).





מתן תורה – וועט זיין לעתיד לבוא. ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[14], אַז לע"ל וועט זיין גילוי אלקות באופן של ראי' „בלי שום לבוש" („ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[15]), וואָס „כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה כדכתיב אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו, הראת ממש בראי' חושיית כו'" [וואָס י"ל אַז דערמיט איז דער אַלטער רבי מוסיף ביאור ווי דורך מעשינו ועבודתינו בזמן הזה[16] טוט מען אויף (דעם גילוי אלקות באופן של ראי' אין דער גאולה], און די שלימות דערפון (וואָס באַ מ"ת איז נאָר געווען „מעין זה") וועט זיין לע"ל, ווען („כי") „מציון תצא תורה גו'".

ועד"ז די פסוקים שלאחרי זה, וואָס בכללות זיינען זיי מבאר דעם חיבור פון אלקות שלמעלה מעולם מיט עולם[17], וואָס שלימות ענין זה וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה.

און וויבאַלד אַז שמחת תורה איז פון די מועדים בחודש תשרי[18], וועלכע זיינען מועדים[19] כלליים על כל השנה כולה[20] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז הדגשת ענין הגאולה ומשיח שבשמחת תורה ווערט דערנאָך נמשך על ובכל השנה כולה.

ובהדגשה מיוחדת בשנה זו – שנת ה'תשנ"ב, ר"ת הי' תהא שנת נפלאות בה[21], וועלכע איז כולל לכל לראש די נפלאות הגאולה[22]. ובפרט ע"פ המדובר

14) פל"ו (מו, א).

15) ישעי' ל, כ.

16) כמבואר בהמשך הענין ברפל"ז, ש„תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים שהוא גילוי אור א"ס ב"ה בעוה"ז הגשמי תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות כי הגורם שכר המצוה היא המצוה בעצמה כי בעשייתה ממשיך האדם גילוי אור א"ס ב"ה מלמעלה למטה להתלבש בגשמיות עוה"ז כו'", אשר עי"ז ש„כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה", נמשך הכח לפעול כן ע"י „מעשינו ועבודתינו" (וע"ד מאחז"ל (סנהדרין צא, א) בנוגע לע"ל – „דלא הוי חיי דהוי חיי לא כ"ש").

17) נתבאר בפרטיות בההתוועדות.

18) ובזה גופא – הסיום והחותם של כל מועדי חודש תשרי, ש„בחודש תשרי יום שמח"ת כלל גדול יותר הכולל כל חודש החודש תשרי כו'" (סה"מ תרנ"ד ע' לו. תש"ב ע' 49).

19) ראה סה"מ תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד שם. תרנ"ו ע' רעח. תש"ב שם.

20) ובא בהמשך לשמיני עצרת הקשור במיוחד עם הגאולה (כנ"ל הערה 1), ושמיני מלשון שומן (נסמן בס' המאמרים־מלוקט ח"ב ע' קמ), הוא ה„אסענצייע"* של כל הענינים.

21) „בה" דייקא, דאע"פ ש„נפלאות" (מלשון פלא) הן בבחי' הבדלה, ה"ה נמשכות „בה", בבחי' פנימיות.

22) להעיר ש„נפלאות" הוא נו"ן פלאות (זח"א רסא, ב). שרומז לשנת היובל (שהיא שנת ה־חמישים), אשר גם זה הוא מהחידושים לע"ל אפילו לגבי יצי"מ („נפלאות" – נו"ן פלאות – גם בערך להנפלאות דיצי"מ (ראה אוה"ת נ"ך עה"פ ע' תפז. וש"נ)). כי אף שגם בכיבוש יהושע נהגו היובלות, כיון שאז היו „כל יושבי' עלי'" (ערכין לב, סע"ב. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פ"י ה"ח), מ"מ השלימות ד„כל יושבי' עלי'" – כל בנ"י מכל הדורות כולם –

*) כן הובא הלשון (באידיש) במאמרי חסידות (אוה"ת בלק ע' תתקכו, בשם אדה"ז), אף ש(רובם) נכתבו בלשון הקודש [לא כמו אמירתם בלשון אידיש, כהובא באגה"ק סכ"ה בנוגע להבעש"ט. — ולהעיר שהר"ת שם הוא „בל"א", ויש לפרשו „בלשון אידיש" (ולא „בלשון אשכנז"), המורה על הפיכת לשון זו ללשון יהודית („אידיש"), השייכת ליהודים („אידן"), ולא „זשאַרגאָן", שפירושו — שהלשון טפילה ללשון אחרת].

כמ"פ לאחרונה, אַז לויט אַלע סימנים שטייען מיר היינט אויף דעם שוועל פון דער גאולה, ווען „הנה זה (משיח) בא"[23], ותיכף ומיד רגע לאח"ז — כבר בא.

ב. דערפון איז אויך מובן בנוגע צו דער עבודה פון אידן וואָס פאָדערט זיך בשמחת תורה, והמשכה במשך כל השנה כולה, ובמיוחד בשנה זו — אַן עבודה דורכגענומען מיט דעם ענין פון גאולה און משיח. דאָס הייסט, אַז אַ אידן'ס אויפפירונג אין אַלע ענינים אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן אויך בזמן הזה תיכף ומיד פאַר דער גאולה — איז מעין וב־דוגמת דעם לעבן און הנהגה פון אידן בימות המשיח ממש.

[וואָס דאָס איז אויך די הדגשה ה־מיוחדת בתקופה האחרונה בהנוגע דעם לימוד פון „הלכתא למשיחא"[24], די הלכות וואָס זיינען נוגע צו דעם לעבן פון אידן בזמן הגאולה[25]].

איינער פון די ענינים העיקריים לעתיד לבוא — איז (ווי געבראַכט פרי־ער פון תניא) וואָס דעמאָלט וועט זיין די שלימות פון „אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו": עס וועט נתגלה ווערן בכל העולם כולו אַז עס איז ניטאָ קיין מציאות אחרת זולתו ית', „אין עוד מלבדו".

ובדוגמת זה פאָדערט זיך אויך אין דעם לעבן פון אַ אידן — אַז ער זאָל דערהערן און פילן בכל עניניו ממש, אַז „אין עוד מלבדו". דאָס הייסט: ניט בלויז אַז די כוונה און תכלית פון אַלע עניני העולם איז אלקות, ובמילא איז זיין עבודה אין אַן אופן וואָס „כל מעשיך לשם שמים"[26], און „בכל דרכיך דעהו"[27], אָבער ס'איז פאַראַן אַ מציאות פון „חול", „מעשיך" און „דרכיך" (נאָר — תכליתם איז קדושה), נאָר נאָכמער: אַז די עניני העולם עצמם זיינען אלקות, און במילא „הערט" זיך מלכתחילה כלל ניט קיין אַנדער מציאות, וואָרום „אין עוד מלבדו".

ויש לומר, אַז דאָס איז די הוספה און חידוש אין דער גירסא במשנה ובריי־תא[28] „אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני"[29], לגבי דער גירסא הנפוצה „אני נבראתי לשמש את קוני": „אני נבראתי כו'" — איז מדגיש, אַז עס איז דאָ אַ מציאות וועלכע איז נברא געוואָרן, נאָר די גאַנצע כוונה און תכלית פון איר

תהי' דוקא לע"ל, כאשר יחיו המתים.

ולהעיר, שענין זה נרמז גם בהר"ת דאות ב' — „בכל מכל כל", שהוא בגימטריא „קבץ" (ראה חי' חת"ס לב"ב יז, א).

23) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

24) להעיר, שבשמח"ת שנה זו מסיימים לימוד ספר הרמב"ם (כפי שנחלק לג"פ ליום), שב' פרקים האחרונים שבו* תוכנם הלכות מלך המשיח, עד לסיומם ממש בפסוק (ישעי' יא, ט) „כי מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים". ו„מתכיפין התחלה להשלמה" (נוסח „מרשות" לחתן בראשית) — „יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא וכו'", שזהו ע"ד „אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו", ראה לקמן בפנים.

25) ראה סה"ש ה'תנש"א ח"ב ע' 690־93.

*) חלק משיעור רמב"ם היומי דשמח"ת, ש־קשור ושייך לתוכן היום, כנ"ל ס"א.

26) אבות פ"ב מי"ב. רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

27) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

28) סוף קידושין.

29) כ"ה גירסת הש"ס כת"י (אוסף כתבי־היד של תלמוד הבבלי, ירושלים תשכ"ד) במשנה ובררייתא הנ"ל. וכן הובא במלאכת שלמה למשנה שם. וראה גם יל"ש ירמי' רמז רעו.





בריאה איז מערניט ווי „לשמש את קונו": „אני לא נבראתי כו'" איז דער טייטש[30] — אַז אַ מציאות פון אַן אדם כשלעצמה איז בכלל ניטאָ („אני לא נבראתי"), דער איינציקער ענין וואָס איז דאָ — איז דער „לשמש את קוני"[31].

— ועפ"ז אולי יש לומר דעם ביאור אין דעם עיכוב המבהיל פון דער גאולה — אַז דאָס איז מצד דעם וואָס באַ אידן האָט געפעלט שלימות אין דער דרגא פון עבודה באופן פון „אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני", וואָס דוקא דורך דעם קומט מען צו דער גאולה וועלכע וועט זיין אין דעם אופן (פון „אין עוד מלבדו")[32]. — איצטער איז אָבער דער עיכוב שוין אויך אַראָפּ, ובמילא איז „הכל מוכן לסעודה", סעודת לויתן ושור הבר ויין המשומר[33] בגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

ג. האמור לעיל האָט אַ שייכות מיו־חדת צו אידישע קינדער, תינוקות של בית רבן, ווי חז"ל זאָגן[34]: „אל תגעו במשיחי[35] אלו תינוקות של בית רבן".

איינער פון די ביאורים אין דעם (נוסף אויף דעם פירוש אין מפרשים[36]): דער חינוך פון תינוקות של בית רבן דאַרף זיין אין אַן אופן אַז די תינוקות ווערן איינגעאַנצן דורכגענומען און דורכ־געדרונגען מיט דעם ענין און נקודה פון „משיח"[37], אַזוי, אַז בשעת מ'גיט נאָר אַ קוק אויף אַ אידיש קינד איז וואָס זעט מען? — משיח'ן!

זייער גאַנצע מציאות איז „משיח" — דער גילוי פון „אתה הראת גו' אין עוד מלבדו".

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס בשמח"ת — וועלכער איז פאַרבונדן ב־מיוחד מיט משיח כנ"ל — געפינט מען אַ הדגשה במנהג ישראל, אַז אויך תשב"ר פרייען זיך און טאַנצן מיט דער תורה (און דורך זייער גרויסע שמחה בשמח"ת — ווערט נתגלה נאָך מער ווי זיי זיינען „משיחי"[38]).

30) להעיר מתוד"ה מתני' (מנחות פג, סע"ב) דהלשון „לא . . אלא" היינו לעיכובא.

31) דוגמא לדבר — החילוק בין זהב ותחש, דאף ששניהם נבראו בשביל המשכן (והמקדש), הרי בנוגע לזהב אמרו חז"ל (ב"ר פט"ז, ד. שמו"ר רפל"ה) „לא הי' העולם ראוי להשתמש בזהב ולמה נברא בשביל המשכן ובשביל ביהמ"ק", והיינו שבזהב קיימת האפשריות להשתמש בו בעניני חול („לא הי' העולם ראוי כו' אלא כו'"), משא"כ בנוגע לתחש — הרי „לפי שעה נזדמן לו למשה ועשה ממנו משכן" (שבת כח, ב), היינו שכל מציאותו אינה אלא ההשתמשות בו בשביל המשכן.

32) עפ"ז אולי יש לבאר הדיוק בלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר (שיחת שמח"ת תרפ"ט) „מען באַדאַרף נאָר צופוצן די קנעפּ": ענין הכפתור הוא — שמחבר שני חלקי הבגד, שאף שמצ"ע יתכן ענין של פירוד ביניהם, הרי ע"י הכפתור מתחברים ומתאחדים יחדיו.

33) ראה ברכות לד, ב. ב"ב עה, א. ויק"ר פי"ג, ג. ועוד.

34) שבת קיט, ב.

35) דברי הימים־א טז, כב.

36) „שדרך תינוקות למושחן בשמן" (פרש"י), או „ע"ש גדולתן וחשיבותן כדאמרי' למשחה לגדולה, כדמסיק שאין בהן הבל של חטא" (חדא"ג מהרש"א).

37) להעיר, שבגמ' שבת שם לפנ"ז מובא המאמר ד„לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו בה תשב"ר", שמזה מובן, שע"י הלימוד דתשב"ר נפעל בנין ירושלים, שהרי כשבטלה הסיבה בטל המסובב. ועפ"ז תומתק עוד יותר השייכות ד„משיח" בפשטות לתשב"ר.

38) להעיר דמשיח אותיות ישמח (בעה"ט פינחס כה, יב).